# משיחות חג השבועות תשל״ה

ב. כאמור לעיל אז דער אויפטו פון מתן תורה לגבי קודם מ"ת איז, אז אברהם איז דערגאנגען בעבודתו בלויז ביז שורש הנבדאים והנאצלים, און מ"ת האט אויפגעטאן המשכה וואס איז העכער דערפון.

וואס לכאו', וויבאלד אז די עבודה פון אברהם איז געווען פאר מ"ת, איז למאי נפק"מ אונז צו וויסן אז ער האט דערלאנגט נאר ביז אין שורש הנאצלים?

ביז אז מ'ברענגט דאס אראפ בכ"מ אין חסידות, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז א הוראה פאר אונז, ולכאו' וואס איז די הוראה דערפון פאר אונז לאחר מ"ת, נאך דעם וואס "משה קבל תורה מסיני" און האט איר אפגעגעבן צו אלע אידן, און דערנאך זיינען געווען תנאים ואמוראים, און רבנן סבוראי, און גאונים, ראשונים ואחרונים, ביז מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש בדורנו זה.

און דערנאך איז געקומען דער אריז"ל און האט געזאגט אז "מצוה לגלות זאת החכמה" - פנימיות התורה (אגה"ק סכ"ו), וואס ביז דעמולט איז דאס געווען נאר פאר יחידי סגולה, און ביי אלע אידן האט געדארפט זיין בלויז אמונה אין דערויף, משא"כ ווען ס'איז "מצוה לגלות זאת החכמה", האט דאס א שייכות צו יעדערער וואס האט א שייכות צו מצוות,

ובפרט נאך דעם וואס דאס איז אראפגעקומען בהבנה והשגה אין תורה

- הבעש"ט -

הנחה הה' בלתי מוגה



אוצר החכמה
הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 153 הודפס ע"י או

הבעש"ט בכלל, און אין תורת חב"ד בפרט, וואס דעמולט איז דאס אראפגעקומען נאך מערער אין הבנה והשגה, וואס דאס איז דאך דער פי' פון "יתפדנסון" (תקו"ז ת"ו בסופו), וואס דער ענין הפרנסה איז אז דאס איז מספק כל צרכיו, וואס דאס איז דאך דער ענין פון הבנה והשגה, וואס דער ענין פון הבנה והשגה איז דאך אן ענין עיקרי אין נגלה דתורה, און אזוי איז דאס געווארן אויך אין פנימיות התורה -

איז בשעה מ'האט שוין די תורה ווי זי איז נאך מ"ת, ביז אז מ'האט אויך פנימיות התורה אין הבנה והשגה, איז וואס איז אונז נוגע צו וויסן אין וואס פאר א אופן איז געווען עבודתו של אברהם אבינו? וכאמור לעיל אז מ'בדענגט דאס אראפ בכו"כ מאמרים ובאריכות, אנהויבנדיק פון דעם אלטן רבי'ן, ועד"ז אין די מאמרים פון רבותינו נשיאינו שלאח"ז (וואס אע"פ אז ס'איז דאך די זעלבע נקודה (נאר אין אן אנדער סגנון), איז דאך אבער "אי אפשר לביהמ"ד בלא חידוש" (חגיגה ג, א)), ביז אויך אין די מאמרים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו (נסמן לעיל).

בפשטות קען מען דאך זאגן, אז מ'ברענגט דאס בכדי צו באווייזן דעם גודל העילוי וואס האט זיך אויפגעטאן דורך מ"ת - מ'קען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום מ'ברענגט דאך דאס ניט בדרך אגב, נאר דאס איז א סוגיא שלמה, און א מסכת שלמה, איז דאך א וודאי אז דאס איז נוגע אויך יעצט, ד.ה. אז מ'קען דערפון ארויסנעמען א הוראה פאר אונז, און די הוראה דארף זיין אין דעם ענין פון שבועות זמן מ"ת, וויבאלד אז דאס רעדט זיך אין די דרושים פון שבועות, וואס דארטן רעדט זיך באריכות הביאור אז אברהם האט דערלאנגט ביז שורש הנאצלים, וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז א הוראה אויך נאך מ"ת.

וואס דאס איז אזוי ווי אלע ענינים פון תורה; וואס זיי זיינען א הוראה (זח"ב נג, ב), ווי מ'זעט דאס פון דעם ערשטן פירש"י על החומש, "לא הי' צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם", וואס דער פשוט'ער פשט דערפון איז, אז וויבאלד אז תורה איז א הוראה לדעת את המעשה אשר יעשון, איז למאי נפק"מ אונז וואס ס'איז באשאפן געווארן ביום הראשון און וואס ס'איז באשאפן געווארן ביום השני, און ביום השלישי וכו',

דאס וואס דערנאך וועט מען קומען צו דער מצוה פון שבת, איז דאך דאס נוגע-ערשט דארטן, און דארטן גופא איז נוגע נאר צו וויסן אז "ששת ימים עשה ה' וגו'", אבער די גאנצע אריכות הביאור אין דער בריאה ופרטי', איז אינגאנצן ניט נוגע,

און אויך: וויבאלד אז ער זאגט דאס אלס <u>אנהויב</u>, איז א ראי' אז דאס איז אן ענין <u>עיקרי</u>, און אויב ער וואלט דאס געזאגט נאר צוליב שבת, וואלט ער דאס געדארפט זאגן שפעטער,

וואס דערפאר מוז מען דאך זאגן אז וויבאלד דאס ווערט דערציילט אין תורה, איז דא אין דערויף א הוראה בנוגע לפועל;

ועד"ז בנדו"ד: וויבאלד אז מ'רעדט וועגן די עבודה פון אברהם אבינו, איז פארשטאנדיק אז דאס איז א הוראה פאר אונז אויך לאחר מ"ת.

וואס דער כללות הביאור בזה וועט מען פארשטיין פון דעם וואס דער רמב"ם איז מבאר בארוכה אין פיהמ"ש (פ' חלק, ד"ה וכה החמישית), ובקצרה אין הל' תשובה (בסופן), אז "לעולם יעסוק אדם בתורה אע"פ שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה" (פסחים נ, ב), ד.ה. דער סדר העבודה איז, אז פריער דארף ער לערנען שלא לשמה, ביז אין דעם אידלסטן פאל פון שלא לשמה, לידע את המעשה אשר יעשה, וואס דאס איז נאך אלץ ווי תורה איז

- פארבונדן -

<u>הנחה הה' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 154 הודפס ע"י או

פארבונדן מיט מציאות פון וועלט; און ערשט דערנאך קען ער קומען צו לימוד התורה לשמה.

וואס דער חילוק צווישן לשמה מיט שלא לשמה, איז דאס דער כללות החילוק צווישן די עבודה פון אברהם אבינו, מיט דער עבודה וואס האט זיך אויפגעטאן נאך מ"ת. והביאור בזה:

אבדהם האט געלערנט תודה ווי תורה איז פארבונדן מיט די מציאות פון וועלט, ביז אין שודש הנאצלים, וואס דאס איז דער ענין פון שלא לשמה (כנ"ל) אז דאס איז פארבונדן מיט מציאות העולם, משא"כ במ"ת איז געגעבן געווארן די תורה ווי זי איז למעלה - העכער פון שורש הנאצלים, וואס דאס איז דער ענין פון תורה <u>לשמה</u> - העכער פון מציאות העולם.

וואס פאר מ"ת איז געווען די עבודה נאר ביז שורש הנבראים, וכידוע די ראי' פון מעין עין עיטם, וואס ער קען ניט דערלאנגען העכער פון שרשו ומקורו (יומא לא, א), אע"פ אז ער איז פארבונדן מיטן ביהמ"ק און מיטן כה"ג, פונדעסטוועגן איז ער פארבונדן מיט טבע העולם, ווארום ס'דאדף דאך זיין כל גופו עולה בהם, אה"נ אז ס'דאדף ניט זיין קיין שיעור אזוי ווי ביי א מקוה, ווארום ס'איז דאך א מעין, אעפ"כ דארף דאך זיכער זיין כל גופו עולה בהם, און ס'דאדף דאך זיין אין טבע וכידוע דער סיפור (לקו"ד ח"ד תשנב, ב ואילך) פון דעם אלטן דבי'ן בנוגע צו קידוש לבנה, אז א מצוה דארף געטאן ווערן מיטן טבע פון וועלט, וואס דערפאר איז מעין עין עיטם געווען העכער פון קדקע העזדה כ"ג אמה, בכדי ס'זאל דורכנעמען דעם טבע העולם;

איז דאס אלץ געווען קודם מ"ת, אז מ'האט געקענט דערלאנגען ביז צו שורש הנבראים והנאצלים, און מ"ת האט אויפגעטאן אן ענין, וואס איז העכער פון שודש הנאצלים (בדוגמת החילוק פון שלא לשמה - מציאות העולם, ולשמה - למעלה ממציאות העולם ושרש הנאצלים).

וואס דאס איז נוגע אויך נאך מ"ת (און דערפאר דערט מען אויך יעצט וועגן עבודתו של אבדהם), ווארום אזוי איז דער סדר העבודה, אז פריער דארף זיין דער לימוד אין אן אופן פון שלא לשמה, וואס דאס איז ע"ד דרגה א"א, שורש הנאצלים, וואס דאס איז פאדבונדן מיט די מציאות פון וועלט, און עדשט דעדנאך קומט דעד אופן פון לשמה, ע"ד הענין וואס האט זיך אויפגעטאן במ"ת, ווארום מ'קען דאך ניט אנהויבן גלייך פון דעד עבודה פון לשמה, וואס איז העכער פון מציאות פון וועלט, ווארום פונקט ווי בגשמיות ווערט מען ניט געבאדן גלייך קיין גדול, עד"ז ברוחניות וכו'.

אע"פ אז ס'איז דאך זיכער אז מ"ה האט גע'פועל'ט א חידוש אין אלע דרגוה ואופנים פון לימוד התורה, וואס דערפאר זאגט מען דאך אז נאך מ"ה איז "<u>כל</u> הקורא (בתושב"כ) ושונה (בתושבע"פ) הקב"ה קורא ושונה כנגדו" (תדבא"ר רפי"ח. יל"ש איכה רמז תתרלד), וואס דאס זאגט מען דאך אויף יעדערן, אפי' הלומד <u>שלא</u> לשמה, וואס דעדיבער דארף דאס זיין "באימה וביראה וברתת ובזיע" אזוי ווי ביי מ"ה צום ערשטן מאל (ברכות כב, א),

אעפ"כ וויבאלד אז דאס נעמט דאך ניט דורך די גאנצע מציאות האדם - דערפאר איז אויך לאחר מ"ת נוגע צו וויסן ווי איז געווען עבודת אברהם; אז זיין עבודה בתכלית השלימות ביז שורש הנאצלים, איז דאס געווען די <u>הכנה</u> צו מ"ה, איז עד"ז אויך איצטער, אז דוקא דורך דער עבודה פון שלא לשמה ביז אין תכלית העילוי, באקומט מען דעם ענין פון מ"ת. דער חילוק איז נאר: אז יעצט איז דאס אן ענין פון העלם וגילוי, משא"כ קודם מ"ת וואס דעמולט איז ניט געווען בעולם די גאנצע מציאות פון תורה ווי זי

- איז -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 155 הודפס ע"י או

איז למעלה מן העולם, ווארום ס'איז דאך געווען די גזירה אז עליונים לא ירדו לתחתונים ותחתונים לא יעלו לעליונים (תנחומא וארא טו. שמו"ר פי"ב, ג).

וואס דאס איז די הוראה פון עבודת אברהם אבינו, אז פריער דארף זיין די עבודה בסדר לימוד התורה אין אן אופן אזוי ווי אברהם אבינו, ביז ער קומט צו צו די דרגות הכי נעלות אין דערויף, ביז אדם הגדול בענקים, ביז שרשו ומקורו, און ערשט דערנאך הויבט זיך אן די עבודה פון מ"ת.

וואס דאס איז ע"ד ווי אין ידיעת התורה, אז "כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה גו'" (סוכה מב, א), און דערנאך לערנט ער מיט אים אותיות וטעמים און פירוש המלות (כמבואר בהל' ת"ת לאדה"ז בתחלתו), און ערשט דערנאך ווערט ער בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן חמש עשרה לגמרא וכו'.

וואס דערפון איז אויך דא א הוראה אין דעם צווייטן קצה: א איד קען טענה'ן פארוואס שיינט אים נישט אריין א הארה מלמעלה - ס'שטייט דאך "כל העוסק בתורה לשמה זוכה וכו' ומגלין לו רזי תורה" (אבות פ"ו מ"א)?! - איז אויף דערויף דער ביאור אז ס'איז דאך דא דרגות אין לימוד התורה, און ער האלט נאך נישט ביי תורה לשמה. און "רזי תורה" קען זיין ווען מ'לערנט תורה לשמה דוקא.

ועד"ז איז אויך דא די הוראה דערפון אז פריער דארף ער לערנען תורה כפי שורש נשמתו, וואס דאס איז דאך א הלכה אין שו"ע, ווי מ'זעט אז דער אלטער רבי שרייבט אין הל' ת"ת (פ"א ה"ד) "אמרו חכמי האמת

[וואס ברוב המקומות שרייבט נישט דער אלטער רבי קיין מ"מ, און אפי' וואו ער שרייבט א מ"מ, איז ברוב המקומות בדענגט ער פון נגלה, און דא שרייבט ער דעם מ"מ "אמרו חכמי האמת"]

שכל נפש צריכה להיקונה לעסוק בפרד"ס כפי מה שהיא יכולה להשיג ולידע . עד שישיג וידע כל מה שאפשר לנשמתו להשיג מידיעת התורה", וואס דאס איז א דין אין שו"ע,

וואס לכאו' איז מי בא בסוד ה' צו וויסן וואס איז שורש נשמתו?! - איז אויף דעם דא די הוראה "יגעת ומצאת" (מגילה ו, ב); ער דארף נישט זוכן און פרעגן וואו איז שורש נשמתו, אויב ס'וועט נאר זיין דער "יגעת" וועט זיין "ומצאת", אז ער וועט געפינען אלע ענינים וואס זיינען שייך צו אים לפי שורש נשמתו -

אבער דאס איז נאך אלץ ווי תורה איז פארבונדן מיט מציאות פון וועלט (שרש נשמתו), וואס דאס איז דער אופן העבודה פון שלא לשמה, און ערשט דערנאך קומט דער אופן העבודה פון לשמה [און מ'קען נישט אנהויבן גלייך מיט לשמה, ווארום דאס איז דאך די דרגא פון "שעשועים גו' לפניו"] און אז ער קומט שוין צו "לשמה", דעמולט איז "מגלין לו רזי תורה".

און דאס איז אויך די הוראה, אז ס'קען זיין א איד וואס שרייט און וויינט פארוואס האט ער נישט קיין "רזי תורה" - אויף דעם זאגט מען אים אז פריער דארף ער לערנען תורה לשמה, און אויך האבן די מעלות אז "משמח את המקום", און "משמח את הבריות" (אבות שם), און ערשט דעמולט וועט ער צוקומען צו די דרגא וואס "מגלין לו רזי תורה".

וואס דאס איז די הוראה, אז פריער דארף ער אויפטאן ביז אין די העכסטע דרגות פון זיין מציאוה גופא, ביז "הלוך ונסוע הנגבה" אין דער

- העכסטער -

הנחה הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 156 הודפס ע"י א

העכסטער דרגא, און מ'זאגט אים אז ער דארף ארויסגיין פון זיין קטנות, נה"ב, גשמיות, ועאכו"כ פון זיין חומריות, ביז אז ער גייט ארויס ממציאותו לגמרי - דער אופן העבודה פון לשמה, וואס איז העכער פון זיין מציאות.

ואע"פ אז דער חידוש פון מ"ת איז דאך דא אין יעדן אופן פון לימוד התורה, אעפ"כ, בתחלת העבודה איז דאס בהעלם (כנ"ל), און די כוונה איז "תורה אור" - אז עס זאל ארויסקומען בגילוי.

און דאס איז דער חילוק צווישן קודם מ"ת ולאחר מ"ת, אז אברהם אבינו האט נישט געוואוסט וועגן וועט זיין דער ביטול הגזירה, משא"כ איצטער ווייסט מען דאך אז ביטול הגזירה איז שוין געווען, וואס דערפאר איז גלייך נאך דעם וואס ער וועט טאן אין דער עבודה פון שלא לשמה כפי שורש נשמתו, וועט ער גלייך האבן דעם לשמה - דעם אויפטו פון מ"ת - בגילוי.

ביז אז מ'קומט צו לימוד תורתו של משיח, ווי ס'שטייט "ישקני מנשיקות פיהו" (שה"ש א, ב), וואס דאס גייט אויף טעמי תורה שיתגלו לעתיד, וואס "משיח ילמד תורה את כל העם כולו" (בלשון פון דעם אלטן רבי'ן (לקו"ת צו יז, א) און דעם מיטעלן רבי'ן (שער האמונה פנ"ו)), ובלשון הרמב"ם בסיום פון הל' מלכים "ומלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים", אז די ענינים מכוסים פון פנימיות התורה וועלן קומען בגילוי, וואס דאס וועט זיין בביאת משיח צדקנו.

ג. ע"פ האמור לעיל וועט מען אויך פארשטיין פארוואס מ'איז מבאר אין די מאמרים בארוכה, פארוואס האט געדארפט זיין דער ענין פון גלות מצרים אלס הקדמה צו מ"ת - וויבאלד אז דער אויפטו פון מ"ת איז צו פועל'ן א בירור וזיכוך העולם, און דאס זאל דורכנעמען די גשמיות העולם, דערפאר האט געדארפט זיין (אלס הכנה דערצו) א זיכוך אין וועלט, כדי אז וועלט זאל זיין א כלי צו מקבל זיין דעם ענין פון מ"ת, [וואס דעמולט איז געגעבן געווארן הומ"צ, וואס ענינם איז אויפטאן אין גשמיות העולם (כנ"ל)];

און דאס האט זיך אויפגעטאן דורך גלות מצרים, כור הברזל, אז דורך גלות מצרים איז וועלט נזדכך געווארן אויף וויפל וועלט קען נזדכך ווערן מצד עצמה, און דערנאך איז געווען מ"ה. משא"כ קודם מ"ת, איז אע"פ אז ראוי' היתה הורה להנתן לאדה"ר, אעפ"כ זאגט מען דאך "את הכל עשה יפה בעתו", און מ"ת איז געווען דוקא נאך דעם וואס ס'זיינען דורכגעגאנגען דעקט און צוואנציק דורות, [אע"פ אז "מימיהם של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם"], ווייל ביז דעמולט האט געפעלט דער בירור פון וועלט, וואס דאס איז געווארן דורך גלות מצרים.

וואס לכאו' איז ניט מובן: וואס איז אונז די נפק"מ אז זיכוך העולם האט זיך אויפגעטאן דורך גלות מצרים, לכאו' האט זיך שוין דער בירור אויפגעטאן מיט טויזנטער יארן צוריק, און איצטער איז שוין די וועלט מזוכך אויף דערויף, איז וואס איז די נפק"מ יעצט בנוגע לפועל צו וויסן די אלע פרטים?

איז דער ביאור בזה ווי גערעדט פריער (שיחה ב'), אז דאס איז ניט קיין ענין (פון "למפרע") וואס אמאל האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון בירור וזיכוך, נאר דאס איז א ענין וואס חזר'ט זיך יעצט איבער בכל פעם נאכאמאל.

- וועט -

הנחת הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 157 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

וועט מען דאס פאדשטייז בהקדם הביאור אין א מאמר נפלא וואס מ'זאגט אויף זמן מתן תורתנו -

בכלל רעדט מען דאך יעדן יו"ט וועגן די מעלות פון דעם יו"ט, וואס דאס איז דערפאר וואס דעמולט זיינען אלע ענינים עולה דורך דעם יו"ט, ועפ"ד ווי די גמ' (יומא לב, ב. זבחים צא, א) זאגט בנוגע צו דעם קרבן תמיד אז "אהני לי'" די קדושה פון יוהכ"פ, וואס דאס איז דערפאר וואס אויך די "תמידים כסדרם" גייען דורך דעם שער המיוחד פון דעם טאג.

וע"ד הענין פון מצוה דהוה זהיר בה טפי (ראה שבת קיח, ב), ד.ה. אז יעדער איד האט די מצוה וואס בה הוה זהיר טפי, וואס די מצוה איז דער שער וואס דורך איר זיינען עולה כל החומ"צ שלו; איז ע"ד ווי דאס איז ביי יעדן אידן אין זיין מצוה, איז עד"ז אויך דא ביי אידן גופא שינויים במשך השנה, אנהויבנדיק פון שבת, וואס בשבת זיינען אלע מצוות שבת'דיקע מצוות, ועד"ז בנוגע לשבועות אז אלע ענינים זיינען שבועות'דיק

אעפ"כ געפינט מען בנוגע צו זמן מתן תורתנו א פרט נפלא, וואס דאס איז א ענין כללי אין מ"ה, וואס דאס איז גאר א הסרון אין דעם ענין פון מ"ה: וואס דאס איז וואס מ'זאגט אז מ"ת האט ניט גע'פועל'ט א זיכוך אין דעם מטה, ד.ה. אז אע"פ אז ס'איז געווען "וירד ה' על הר סיני", און "ואל משה אמר עלה אל ה'" (משפטים כד, א), און משה איז טאקע ארויפ-געגאנגען און האט מקבל געווען די תורה פאר אלע אידן,

און ס'איז געווען אין אן אופן ווי ער זאגט אין מדרש אז בשעת דער אויבערשטער האט געזאגט די עשה"ד, איז "צפור לא צווח כו' שור לא געה" (שמו"ר ספכ"ט), און "קולות באין מד' רוחות ומן השמים ומן הארץ" (שמו"ר פ"ה, ט. הובא בפידש"י יתרו כ, ב. וראה תניא פל"ו) ס'איז טאקע געווען א מציאות פון צפור און א מציאות פון שור און א מציאות פון ד' רוחות העולם, אבער די גאנצע מציאות זייערע איז באשטאנען אין דערויף וואס צפור לא צווח, ושור לא געה, ומכל ד' רוחות העולם האט מען געהערט אנכי וגו', ד.ה. אז זיי זיינען געווען בביטול עצמי, ביטול במציאות -

אעפ"כ, איז דאס געווען מעדניט ווי לפי שעה, אבער "במשוך היובל המה יעלו בהר" (יתרו יט, יג), און דעמולט דארף זיך ערשט אנהויבן די גאנצע עבודה פון בירור וזיכוך המטה.

וואס דערפון איז דא די הוראה אז אויך נאך מ"ת דארף זיין די עבודה און דער בירור וזיכוך פון גלות מצרים, וואדום דאס וואס מ"ת האט אויפגעטאן, איז דאס מערניט ווי א נתינת כח, און ערשט דערנאך דארף זיין די עבודה "בחומר דא ק"ו ובלבנים דא ליבון הלכתא" (זח"ג קנג, דע"א), און דוקא עי"ז פועל'ט מען אין וועלט.

וואס דאס איז וואס ס'זאגט אז ב"ה האט דעמולט אויפגעטאן נאר לפי שעה, און דערנאך דארף זיין די עבודה פון גלות מצרים, בחומר דא ק"ו, ובלבנים דא ליבון הלכתא, ביז - ווי דער פסוק זאגט דעם סך-הכל: "את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך" (שמות א, יד), וואס דא איז ניט נוגע די שוועריקייט פון דער ארבעט, נאר ס'איז נוגע אז ס'דארף זיין דער שינוי פון זיין טבע, "מלאכת נשים לאנשים, ומלאכת אנשים לנשים" (סוטה יא, ב), ובמאמר אדה"ז צום צ"צ, וואס דער רבי כ"ק מו"ה אדמו"ר האט דאס איבער-געזאגט (לקו"ד ח"א נו, א-ב), אז ענין החסידות איז לשנות מדותיו הטבעיים אדער לשנות טבע מדותיו (כידוע די ב' האופנים שבזה (לקו"ד שם)) וואס דאס איז בדוגמת הזיכוך פון כור הבדזל דמצרים.

וואס דער עיקר איז אז ס'דארף זיין "עבודתם גו' בפרך", אז די

- עבודה -

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 158 הודפס ע"י א

עבודה זאל זיין ניט מצד זיין רגילות וטבעיות שלו, נאר אין אן אופן פון מלאכת אנשים לנשים כו׳ וכנ"ל.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט א סיפור פלאי (וואס מ׳האט שוין גערעדט כמ"פ און אויך קאפירט וכו׳, און אויך אפגעוואדט אז איימיצער זאל זיך שטעלן אויף דעם, און כרגיל שטעלט זיך קיינער ניט און קיינעם הארט דאס ניט, ווארום מ׳האט זיך שוין אזוי איינגעוואוינט, ס׳מוז דאך אבער זיין איימיצער וואס ס׳זאל אים הארן איז ניטא קיין בעסערער פאר מיר), וואס דער סיפור איז, אז אמאל האט דער אלטער רבי אריינגערופן דעם צ"צ, און האט אים געזאגט אז ער וויל אים אפגעבן ענינים אין תורה במתנה, און דער צ"צ האט ניט געוואלט נעמען, ווייל ער האט געוואלט האבן דעם ענין היגיעה אויף דעם. און דערנאך לאחרי כו"כ שנים, האט ער געזאגט אז ס׳טוט אים באנק וואס ער האט ניט געוואלט נעמען, ווארום וויפל דער אלטער רבי וואלט אים נאר געגעבן, איז וויבאלד אז די ענינים פון תומ"צ זיינען אין אן אופן פון א"ס, וועט ער האבן נאך א סאך ענינים אויף וועלכע ער זאל זיך קענען מתייגע זיין.

וואס דאס איז לכאו׳ א מעשה תמוה: וויבאלד אז דער אלטער רבי האט געוואלט געבן דעם צ"צ ענינים בתורה, איז דאך פאדשטאנדיק אז דעמולט איז דער צ"צ געשטאנען בדרגא נעלית, ווארום "יהיב חוכמתא לחכימין" (דניאל ב, כא) - איז ווי קומט דאס אז דער צ"צ האט זיך דעמולט ניט געכאפט אויף דער סברא אז תורה איז א"ס, לכאו׳ דארף מען דאך ניט זיין קיין גרויסער מענטש אויף־צו וויסן אז תורה איז א"ס, נווארום אפי׳ א איש בינוני ווייסט אז תורה איז "ארוכה מארץ מדה גו׳" (איוב יא, ט) - איך אן אופן של א"ס?!

נאר דא זעט מען דעם חידוש בדבר: וויבאלד אז דעם ענין וואס ער באקומט האט ער דאס במתנה, איז אמת־טאקע אז דערנאך וועט ער האבן די יגיעה אין <u>אנדערע</u> ענינים, ס׳וועט אבער זיין א חלק אין תומ"צ וואס אין אים איז ניט געווען קיין יגיעה, און דערפאר שטעלט זיך די שאלה וואס איז מכריע;

ווארום וויבאלד אז א מענטש איז מוגבל בזמן חייו, "הלא צבא לאנוש עלי ארץ" (איוב ז, יא) (וואס דעם פסוק ברענגט דאך אראפ כ"ק מו"ח אדמו"ר אין מאמרי ההילולא (סה"מ תש"י ע׳ 125)), און "ימים יוצרו ולו אחד בהם" (תהלים קלט, טז), ד.ה. אז ער האט א זמן מוגבל, ובמילא קען ער זיך מתייגע זיין נאר לויט דעם זמן מוגבל וואס מ׳האט אים געגעבן, וואס דערפאר איז אויב ער וועט נעמען א חלק אין תורה במתנה, וועט דעמולט זיין די יגיעה אויף העכערע ענינים, ובמילא וועט ער האבן <u>מערער</u> ענינים בידיעתו, ווארום ער האט דאך א זמן מוגבל אויף לערנען, איז בעסער ער זאל באקומען דעם ענין במתנה, אע"פ אז אים וועט פעלן דער ענין היגיעה אין <u>דעם</u> ענין, אבי ער זאל האבן בידיעתו מערער און העכערע ענינים.

וואס אין הערויף זיינען דא סברות לכאן וסברות לכאן, און אין דערויף איז געווען דער שינוי, אז פריער האט ער געהאלטן פון דער סברא, און דערנאך ווען ס׳איז געווען "הוסיף חכמה על חכמתו" (כלשון הקדמת בני המחבר לשו"ע אדה"ז - בנוגע ארה"ז), איז ער צוגעקומען צו דער צווייטער סברא.

ועד"ז בנוגע לענינו: ע"ד ווי פאר מ"ת האט מען געדארפט צוגרייטן די וועלט אין אן אופן אז מ"ת זאל קענען פועל׳ן אויף וועלט, עד"ז אין דעם עולם קטן און אין דער "עיר קטנה זה הגוף" (נדרים לב, ב), וואס

- בזמן -

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 159 הודפס ע"י או

בזמן מ"ה שרייט דאך דער גוף "אנכי ה' אלקיך גו'" (כאמור לעיל אז שור לא געה כו'), איז דאך אבער די כוונה אז ער זאל אוועקגיין פון דעם "האי יומא", און ער זאל זיין דער "יוסף" אין "שוקא" (רה"ר) פון עוה"ז (ראה לקו"ש ח"ח ע' 263 ואילך), און מדי יום ביומו דארף דאך זיין "חייב אדם לראות א"ע כאילו הוא יצא ממצרים" (תניא רפמ"ז), ד.ה. אז א רגע פריער איז ער געווען אין מצרים, און ער האט געהארעוועט "בחומר דא ק"ו ובלבנים דא ליבון הלכתא", און אין אן אופן פון ארויסגיין פון זיינע רגילות'ן, "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך", און ער איז משנה טבע מדותיו און מדותיו הטבעיים -

דעמולט האט ער דעם ענין פון יצי"מ בכל יום, ביז אז ער קומט צו מ"ת בכל יום - נותן התורה ל' הווה (לקו"ת תזריע כג, א), ד.ה. אז "נותן (התורה)" איז ניט נאר קיין שם התואר, נאר שם הפעולה - ל' הווה.

און דאס נעמט דורך אויך גופו ונפשו הבהמית, אז דער גוף ווערט דורכגענומען מיט תורה, ניט נאר אז ס'ווערט א "יחוד נפלא" צווישן דער תורה מיטן שכל שבמוח (תניא פ"ה), נאר דאס איז ע"ד ווי ס'שטייט ביי אברהם "עקב אשר שמע אברהם גו'", וכפירוש רבותינו נשיאינו אז אויך אין דער פיאטע האט זיך אנגעהערט דער שמע וגו'. ועד"ז איצטער אז אפי' בשעת ער שטייט נאך אין מצרים [וואס דאס זיינען מיצרים וגבולים], טוט ער עבודתו אין אן אופן פון "עקב אשר שמע וגו'", אז ער איז משנה זיין גוף ונה"ב, ביז אז בשעת מ'גיט א קוק אויפן עקב, זעט מען אז דאס איז אן עקב פון א גוף וואס ענינו איז תורה.

וואס דאס איז דאך איינע פון די שש זכירות, "יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב" (ואתחנן ד, י), און ווי דער אלטער רבי ברענגט אין שו"ע (או"ה סוסס"ד) אז דער ענין פון זכירה יצי"מ איז איינע פון די זאכן וואס מ'דארף זיין מתבונן זיך אין דעם בברכות ק"ש, פאר דעם וואס ער זאגט "שמע ישראל", ד.ה. אז ס'איז ניט קיין זאך וואס האט זיך אמאל געטראפן, נאר ס'איז נוגע למעשה בפועל.

וואס דאס איז די הוראה פון דעם ביאור אז גלות מצרים איז געווען א הכנה צו מ"ת - אז ער דארף וויסן אז אויך נאך מ"ת דארף זיין בעבודתו דער ענין העבודה והיגיעה, בדוגמא גלות מצרים, "בחומר דא ק"ו ובלבנים דא לבון הלכתא".

און וויבאלד אז "עקב אשר שמע אברהם בקולי", איז דאך דאס א "ירושה לנו מאבותינו", ובמילא קומט דאס אן צו יעדערן כפי מדרגתו, ער דארף נאר צולייגן זיין אצבע קטנה לויט זיין אפשריותו, און דעמולט דערגרייכט ער צו אלע דרגות ביז ער קומט אן צו די דרגא הכי נעלית.

און ער טוט אויף דעם בירור וזיכוך המטה, וואס דערפאר וועט לע"ל זיין דער מטה מזוכך לגמרי, אין אן אופן אז "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" (זכרי' יג, ב), וואס מעין זה איז געווען בשעה מ"ת אז "פסקה זוהמתן" (שבת קמו, א), נאר בשעה ב"ה איז דאס געווען מערניט ווי לשעה, און לע"ל וועט דאס זיין לעד ולעולמי עולמים, וואס די הכנה דערצו ווערט דורך קיום התומ"צ, ובמיוחד נאך דער נתינת כח פון זמן מתן תורתנו.

און מ'טוט דאס אין אן אופן פון קבלת התורה בשמחה ובפנימיות, ביז אז דאס קומט אן אויך אין די חיצוניות, אז אפי' אין דעם עקב וועט זיין דער "ונגלה כבוד הוי' וראו כל בשר יחדיו" (ישעי' מ, ה), וואס דא איז דאך דער דיוק ניט וראו עיני בשר, נאר "וראו כל בשר", אז דער בשר אליין (עקב) וועט דאס זעהן -

- בקרוב -

הנחת הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 160 הודפס ע"י א

אוצר החכמהבקרוב ממש בביאת משיח צדקנו, יבא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות, און קוממיות לארצנו הקדושה, "ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה".

# משיחות פורים תשכ״ט

דאס איז אויך דער ענטפער, ווי גערעדט טוין כמ"פ, ווי אזוי הייסט תורת אמת לערנען מיט א קינד, יד ה׳, און עיני ה׳, וואס דער קינד האט ניט קיין השגה אין דער פילאזאפיע מיט להבדיל חסידות וקבלה ווי זיי זיינען מבאר יד ה׳, און דער ושננתם לבניך הייבט זיך אן מסהקטן יודע לדבר, און מטהקטן יודע אויף צו פארשטיין, דארף מען מיט איהם לערנען די פסוקים אין חומש, אויך אט די וואס עס שטייט אצבע אלקים היא, אדער אויף היד הגדולה וכו׳ וכו׳.

אז מען זאל דעם קינד דערציילן וועגן ספירות ועגינים, איז צו פינף יאהר דער קינד דערצו עפ"י תורה קיין שייכות ניט, דאס איז ניט א זאך וואס איז א זייטיגע מניעה, עפ"י תורה איז דער לימוד הסוד קומט לאחרי לימוד הפסט, וואס דער לימוד הפשט הייבט זיך אן בא בן חמש למקרא, און בשעה עס קומט ערשט בן עשר למשנה, קומט ער ערשט דערנאך צו דער לימוד הגמרא, וואס דאס איז אין זיך כולל אויך דער לימוד סודות התורה.

- ווער -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 416 הודפס ע"י א

ווער הייסט דאס לערנען, הייסט דאס תורת אמת, און זי הייסט לערנען דעם מלמד מיט דעם קינד אצבע אלקים היא, וואס דער מלמד פארטייטשט איהם א פינגער פון דעם אויבערשטן, וירא את היד הגדולה אשר עשה ה׳ במצרים, די גרויסע האנט, און היד החזקה די שטארקע האנט וכו׳, וואס וויפיל מען זאל דעם קינד ניט מסביר זיין, איז א האנט בא איהם אזא מין האנט ווי ער זעט בא זיך, ווי ער זעט בא זיין פאטער,

נאר בשעת מען זאגט איהם אז דער אויבערשטער איז שלא בערך שטארקער און הייליקער און גרעסער וכו׳, סטעלט ער זיך פאר אז וויפיל זיין פאטער איז ניט סטארק איז דער אויבערשטער נאך שטארקער, און וויפיל זיין פאטער איז גרויס איז דער אויבערשטער נאך גרעסער, אבער עס איז אלץ אין ענינים של גשמיות.

אוצר החכמה

ולכאורה איז דאך דאס היפך האמת, עס איז דאך מעיקרי האמונה אני מאמין אז ער איז ניט קיין גוף, ואין לו דמות הגוף, און מען זאגט אז בשעת ער לערנט מיט דעם קינד, איז ניט אז דאס איז א הכנה אז דער קינד וועט אמאל פארשטיין דעם סוד און ערשט אט דעמאלט איז ער מקיים די מצוה פון לה"ת, נאר אויך איצטער איז חל ושננתם לבניך, אויף לערנען תורה מיט קינדער, אין וועלכע תורה, תורת אמת.

אוצה"ח 1234567

איז דאך אויף דערויף ידוע ווי שוין גערעדט כמ"פ באריכות דעם הסבר בזה, אז אט דאס וואס דער קינד זאגט אז דאס איז א האנט א שטארקע, נאך אסאך א שטארקערע פון זיין פאטערס, און פון זיין זיידענס וכו׳, פון די אלע גבורים וואס ער האט געזעהן, ווארום דאס איז א האנט פון דעם אויבערשטן, איז אין פנימיות הענינים איז דאס אזוי,

ווארום די שטארקייט פון דעם פאטערס האנט און פון דעם קינד׳ס האנט איז דאס ניט דערפאר וואס דאס איז א שטיקל פלייש, ניט דערפאר וואס דא איז דא אזויפיל און אזויפיל בלוט, און ניט דערפאר וואס דער פאטער האט זיך אויסגערוט, און האט געמאכט די אלע ענינים ער זאל אויסוואקסען א גבור,

פונוואנעט האט דער גבור גבורתו, ועשיר בעשרו וחכם בחכמתו, דערפאר וואס זיי האבען אין זיך אט די כחות וואס דער אויבערטטער האט אין זיי ארייגעלייגט, אדער אין בעש"ט׳ס לשון, ווי ערקלערט אין שער היחוד והאמונה, בשעת דער אויבערשטנס ווערטער יהי רקיע שטייען זיי און מאכען אויף א הימל.

אוצר החכמה

נאר וואדען, דער קינד זעהט די פלייש, ער ווייס אבער אז פלייש זעהט ער ליגט אויפן טיש און ער עסט דאס צו מיטאג, ער זעהט אין די פלייש ניט קיין גבורה, ווייס ער אז אין די פלייש פון זיין פאטער, און פון פון דעם גבור פון וועלכן ער האלט, און פון זיין האנט, איז דאס דערפאר וואס דאס איז לעבעדיקע פלייש, נאר וואס דען, מען האט מיט איהם נאך ניט געלערנט אין וואס עס באטייט דער לעבן, און ווער עס גיט דאס לעבן,

אבער דאס פארשטייט א קינד פון פינף יאהר, אז עס איז דא די פלייש ווי עס ליגט בא איהם אין "סטייק", און ער עסט דאס אויף צו ווארמעס אדער צו וועטשערע, און ער זעט אין דערויף קיין גבורה און קיין שטארקייט און קיין גרויסקייט, און ער זעט אז דער פאטער זיינער האט א שטארקע האנט, און א יד הגדולה, און אצבע אלקים,

- ועאכו"כ -

<u>הנהת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 417 הודפס ע"י

ועאכו"כ דעד אצבע און דער יד שלמעלה, ווייס ער אז דאדט איז דא די לעבעדיקייט,

און אט די לעבעדיקייט ווייסט שוין א קינד א קטן ביוהר, אז די לעבעדיקייט מאכט די יד אז די יד זאל זיין א גדולה, במילא לערנט מען מיט איהם דעם אמת.

נאר וואס דען מען קאן נאך מיט איהם ניט לערנען מיט אלע פרטים, גיט מען איהם איבער די כללים, אז די האנט פון דעם פאטער איז א לעבעדיקע האנט, איז א שטארקע האנט, אבער דעם אויבערשטנס האנט איז שלא בערך א גרעסערע און מער לעבעדיקע און מעד שטארקער דערפאר קען זי אויפטאהן ניסים, ועד"ז בכל שאר הענינים.

כז. וזהו גם הביאור בנוגע למ״ש בתורה ״יד ה׳״ ו״עיני ה׳״ — דלכאורה אינו מובן[118]:

החיוב ״ושננתם לבניך״[95] מתחיל משהקטן יודע לדבר[119], וכבר אז צריכים ללמדו פסוקים בחומש, כולל גם הפסוקים שבהם נאמר ״אצבע אלקים היא״[120], או ״היד הגדולה״[121] וכיו״ב. והרי בהיותו ילד קטן, אין לו השגה בביאור הענין ד״יד ה׳״ בפילוסופיא, ולהבדיל — בחסידות וקבלה, כך, שאי אפשר לספר לו אודות עניני הספירות כו׳. ואין זה רק בגלל מניעה צדדית, אלא כן הוא ע״פ תורה, שלימוד הסוד בא לאחרי לימוד הפשט, שמתחיל בהיותו ״בן חמש שנים למקרא״, ולאח״ז ״בן עשר שנים למשנה״[116], ורק לאחרי כן מגיע ללימוד הגמרא, שבזה נכלל גם לימוד סודות התורה; אבל בהיותו בן חמש שנים, הרי ע״פ תורה אינו שייך ללימוד הסוד.

ואעפ״כ, מצווה ״תורת אמת״, שה״מלמד״ ילמד עם הילד ״אצבע אלקים היא״, ״וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה׳ במצרים״[121], ״היד החזקה״[122], וכיו״ב — בה בשעה שלאחרי כל מה שיסבירו לו, מדמה הילד לעצמו ״יד״ כמו היד שלו ושל אביו, אלא כיון שאומרים לו שהקב״ה הוא שלא בערך יותר גדול וחזק וקדוש וכו׳, אזי מדמה לעצמו שהקב״ה הוא גדול וחזק יותר גם מהגודל והחוזק של אביו, אבל עדיין מדובר אודות ענינים של גשמיות.

---

117) מאר״א א, קפב. וראה גם רקאנטי ויצא כט, יו״ד (״באגדה אמרו״).

118) בהבא לקמן — ראה גם לקו״ש חט״ו ע׳ 79 ואילך (מהתוועדות זו).

119) סוכה מב, א.

120) וארא ח, טו.

121) בשלח יד, לא.

122) ס״פ ברכה.

ולכאורה זהו היפך האמת — שהרי מעיקרי האמונה ש"אינו[123] גוף" ו"אין לו דמות הגוף"?!

והרי הלימוד עם הילד הוא לא רק בתור הכנה שיבין בעתיד את הענין ע"פ סוד, אלא בשעה זו מקיים מצות "ושננתם לבניך", ללמוד עם הילד תורת אמת!

וידוע ההסבר בזה (כמדובר כמ"פ בארוכה[124]), שכאשר הילד לומד אודות ה"יד החזקה" של הקב"ה, ומתאר לעצמו יד חזקה כמו של אביו וזקנו וכו' (כל הגיבורים שראה), אלא שהיא חזקה הרבה יותר, כיון שזוהי ידו של הקב"ה — הנה כן הוא בפנימיות הענינים, כי:

חוזק היד של אביו — אינה מצד הבשר והדם כשלעצמם, או בגלל הפעולות שעשה אביו כדי להיות גיבור; גבורתו של הגיבור (וכן עשרו של העשיר וחכמתו של החכם) אינה אלא בגלל הכחות שנתן לו הקב"ה, או בלשון של הבעש"ט שנתבאר בשער היחוד והאמונה[125]: דבר ה' (כמו המאמר "יהי רקיע" שעומד ברקיע השמים להוותו).

הילד רואה אמנם רק את הבשר, אבל הוא יודע ש"בשר" כשלעצמו — ישנו גם ה"בשר" שמונח לפניו על השולחן, ה"סטייק" שאוכל בארוחת צהריים או בארוחת ערב, ואינו רואה בו ענין של כח וגבורה וגדלות כלל; אלא שבשר היד של אביו (או של הגיבור שאוחז ממנו) הוא בשר חי. — עדיין לא לימדוהו במה מתבטא ענין החיות, ומי הוא הנותן חיים; אבל, גם בהיותו קטן ביותר, בן חמש, יודע, שזהו בשר שיש בו חיות, וחיות זו פועלת שידו של אביו תהי' גדולה וחזקה; ועאכו"כ בנוגע ל"יד" שלמעלה.

ונמצא, שאכן לומדים עמו את האמת, אלא שאי אפשר ללמדו את הענין בכל הפרטים, כי אם בכללות — שידו של אביו היא חזקה בגלל החיות שניתן בה ע"י הקב"ה, ואילו ידו של הקב"ה יש בה יותר חיות וכח שלא בערך, שלכן בכחה לעשות נסים, ועד"ז בכל שאר הענינים.